- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל**

## לבחורי חמד

- מאמר א' -
דער אויבערשטער הערט דיר צו

- מאמר ב' -
פתחו לי פתח כחודו של מחט


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

ראש השנה שנת תשפ"ה לפ"ק

- גליון לג -

**- אחים יקרים אחים לדעה -**

הננו בזה בקריאה של חיבה לכל קוראינו ואנ"ש היקרים שיחי'

**שהיות ומלאכת הכתיבה, העריכה, וסידור הגליונות, שיהיו באופן נאה ויאה ומכובד עולים ממון הרבה,**

**וכדי להוציא את הגליון אנו צריכים את עזרת הציבור החפץ ורוצה בקיומו**

## אנו פנים לעזרת הציבור הושיטו ידכם
## והרימו את נדבת לבכם לתרום מתנה יפה ונכבדת

**וההזדמנות נאותה לתרום לעילוי נשמת יקירכם אשר בוודאי תהא**

**לטובת נשמתם זכות הפצת דברי תורה האלו**

**וגם בעת שמחתכם תבוא הברכה לכם ולביתכם**

**והנצחתם תונצחו בתוך הקונטרסים לפרסם עושי מצוה**

ובכן אלו הרוצים בהנצחה או החפצים לתרום עקב שמחה וכן מי ברצונם לתרום לעילוי נשמת

**יפנו לר' מאיר גאדינגער הי"ו במס' 917-686-5892**

או להתקשר ע"ד אימייל ל**toraskosov@gmail.com**

וזכות הגדול של זיכוי הרבים תעמוד לכם להתברך בכל מילי דמיטב

הלימוד בגליון דהלז

יהיה לעילו נשמתו הטהורה של

כ"ק אבינו רועינו אדונינו מורינו ורבינו

## מרן שרגא פייביש בן מרן אברהם יהושע העשיל זצוק"ל

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל

**לשמוע דרשות, ושיעורים שונים מכ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל**

וכן למודעות ומאורעות שונות בקרב קהילתינו הק'

**יש להתקשר לקו "קול קאסוב"**

במס' 718-682-2004 או במס' ישראלי 972-72-370-1810

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail

יש לפנות להמערכת

במס' 917-686-5892

או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# דער אויבערשטער הערט דיר צו

שיחת הכנה לראש השנה - לתלמידי ישיבת צמח צדיק וויזניץ

## ראשית דרכו קנני

ווען עס קומט צו טייערע בחורי קודש, וואס האלטן בראשית דרכם, איז זייער בולט צוויי קעגענזייטיגע כוחות, ווייל פון איין זייט פאנגט מען אן ישיבה, א נייע זמן, מען איז אנגעפילט מיט גוטע רצונות, יעדער איינער וויל מצליח זיין און שטייגן בתורה ובעבודה, אבער פון די אנדערע זייט האט מען א יצר הרע, וואס פארמאגט גרויסע כוחות, וואס זיכט אונטערצודריקן און אראפברענגן דער מענטש.

אבער דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט די דרכי המלחמה, דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט א מהלך ווי אזוי דער איד קען זיך שלאגן מיטן יצר הרע, און באגלייט דער איד אויף טריט און שריט, און העלפט אים ארויס מיט זיין מלחמת היצר.

בפרט ווען מען האלט יעצט אין די טעג פאר די ימי הרחמים והסליחות, איידער מען פאנגט אן א פרישע יאר, איז זייער וויכטיג זיך אויסצושטעלן ריכטיג, קלאר מאכן די מחשבות, כדי אז די קומענדיגע יאר הבא עלינו לטובה, זאל זיין א יאר מיט הצלחה און סייעתא דשמיא, כדי מען זאל קענען מצליח זיין אין עבודת ה' בס"ד.

## "ונתנו ה' אלקיך בידיך"

עס שטייט אין פסוק (דברים כא, י) **כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, און עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פון זוהר

הק' און נאך אסאך פריערדיגע[א], אז דאס איז מרמז אויף די אמת'ע מלחמה, וואס דאס איז די מלחמת היצר וואס דער מענטש האט שטענדיג מיטן יצר הרע.

און דער הייליגער 'אהבת שלום' זי"ע איז מסביר, אז ווען א מענטש גייט ארויס אויף א מלחמה, צו מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, דארף ער וויסן, 'ונתנו ה' אלקיך בידיך', ער זאל זיך נישט שרעקן, ווייל דער אויבערשטער וועט אים אוודאי געבן די כח מלחמה צו האלטן, ער גייט זיכער געווינען די מלחמה, און גייט קענען בייקומען דעם יצר הרע און זיינע נסיונות[ב].

און דאס איז זייער שטארק נוגע פאר בחורי קודש וואס געפינען זיך אין ישיבה, מען זיצט און מען לערנט א גאנצע טאג, פון אינדערפרי ביז ביינאכט, מען איז כל כולו אריינגעטון אין עבודת השי"ת, דארף מען וויסן צו צוגיין מיט די מחשבה, אז עס איז 'נתנו ה' אלקיך בידיך', מען גייט זיכער מנצח זיין דער יצר הרע.

למשל ווען עס קומט צו דאווענען, דער בחור דאווענט און בעט זיך אויס ביים באשעפער, אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן, ער זאל האבן די ריכטיגע כוחות אים צו דינען, ער זאל שפירן א טעם און זיסקייט אין תורה, און ער זאל האבן די כוחות זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע[ג].

---

**א.** זוהר חדש (פרשת כי תצא דף צו.) וע"ע באור החיים הק' (ריש פרשת כי תצא), ועוד הרבה.

**ב.** וזלש"ק (ד"ה כי תצא), כי תצא למלחמה על אויבך, פי' כשתרצה לאזור חיל לערוך מלחמה נגד היצה"ר הנקרא אויב, אזי **העיקר הוא שיהא אצלך למונח קיים בלי שום ספק שבוודאי תזכה להיות על אויבך, ואל ירך לבבך לומר אני אדם והוא מלאך איך אוכל לנצחו, וגם לא יהא בלבבך שום בית מיחוש לומר פעם אנצח אותו ובפעם אחר הוא ינצח אותי, רק שתאמין זאת שבוודאי ידך תקיפה עליו כשתרצה**, ועי"ז יהא כחך חזק לערוך מלחמה נגדו ולכבוש אותו ולנצחו, **וככל שהאמונה תקועה יותר בלבך, יותר תזכה לנצחו**, וזהו שגמר אומר ונתנו ה אלקיך בידך פי' שבידך תזכה לתתו מתנה להשי"ת, כי נודע דעיקר העבדות הוא להכניע עבד תחת רבו ולאכפאה לסטרא אחרא תחת סטרא דקדושה ושיתרחב גבול הקדושה, וזהו נקרא בחי' מתנה כביכול, וזהו ונתנו ה אלקיך בידיך וד"ל, עכלה"ק.

**ג.** בכלל דארף מען וויסן די מורא'דיגע עת רצון אין וואס מען געפונט זיך יעצט בימי חודש אלול, עס איז א פאסיגער צייט וואס איז מסוגל פאר קבלת התפילות,

אבער נאכדעם וואס ער ענדיגט זיין דאווענען, קלערט דער בחור צו זיך: "איך שפיר זיך די זעלבע, איך שפיר נישט אז איך האב פלוצלונג באקומען מער כוחות זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע, איך זע נישט קיין שינוי פון פארדעם און נאכדעם", ער שפירט נישט וואס האט זיך געטוישט אין אים, ער ווייסט נישט דער חילוק פון פאר זיין דאווענען און נאך זיין דאווענען.

**דער בחור קלערט צו זיך: "איך שפיר זיך די זעלבע, איך שפיר נישט אז איך האב פלוצלונג באקומען מער כוחות זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע, איך זע נישט קיין שינוי פון פארדעם און נאכדעם"**

דארף מען אבער צוגיין מיט די מחשבה אז עס האט זיכער אויפגעטון און גע'פועל'ט, עס איז געווען **'ונתנו ה' אלקיך בידיך'**, דער אויבערשער האט אויסגעהערט זיין בקשה, ער האט זיך צוגעהערט וואס ער האט געבעטן פון אים, און ער גייט זייער העלפן, און אויסערדעם וואס דער אויבערשטער וועט אים אויסהערן, ווערט ער מיט די תפילה אליינס מקושר און נאנט צום אויבערשטער.

---

אזוי ווי עס איז ידוע פון קדמונים (אבודרהם, סדר תפלת ראש השנה ופירושה פרק א', ועוד), עס איז א בחינה פון א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, עס איז פארהאן א געוואלדיגע נאנטקייט און התקשרות צווישן כלל ישראל און דער אויבערשטער.

**און** ווי עס שטייט אין אוחה"ק אין פרשת כי תצא (ד"ה ואמר וחשקת בה וכו'), אויפן פסוק (דברים כא, יג) **וְיָשְׁבָה בְּבֵיתֶךָ וּבָכְתָה אֶת אָבִיהָ וְאֶת אִמָּהּ יֶרַח יָמִים**, וזלש"ק, וישבה בביתך, ותתודה בבכי על אשר מעלה באביה ואמה ועל פרידתה מהם, אביה זה הקדוש ברוך הוא, אמה היא כנ"י (ברכות ל"ה), ירח ימים וכו', **ירמוז לחודש המיוחד לתשובה שהוא חודש אלול**, ע"כ.

**בפרט** ווען עס קומט צו די הייליגע תפילות פון די בחורי קודש, וואס זיי דאווענען מיט א באזונדערע ריינקייט און לויטערקייט, זיי פארמאגן די אויסטערלישע כוחות פון 'תינוקות של בית רבן' (אזוי ווי עס ווערט שוין געברענגט פון פריערדיגע, אז מען ווערט אנגערופן תינוקת של בית רבן ביז די צוואנציג יאר, כדאיתא ממרן הנודע ביהודה זי"ע בספרו אהבת ציון דרוש ז', ובספר אור לישרים מהגה"ק רבי זרח איידליץ זי"ע דרוש א'. ועי"ע בחובת התלמידים מהרה"ק מפיסעצנא זי"ע, בהערה בפרק א', ודו"ק), און די תפילה שאפט א מורא'דיגע דביקות און נאנטקייט צום אויבערשטן.

**"כי ימינך פשוטה לקבל שבים: דער אויבערשטער'ס האנט איז ברייט אויסגעשטרעקט פאר סיי ווערט וואס קערט זיך צו אים, און וויל זיך מקבל זיין און וויל זיך אויסבעטן"**

## כי ימינך פשוטה לקבל שבים

דער פשט דערפון איז, וויבאלד דער מענטש פארמאגט באמת גאר גרויסע כוחות אין זיך, אסאך מער וויפיל ער מיינט, זיין מח איז בלי גבול ובלי ערך, און מען טאר זיך נישט האלטן קליין מיט אן 'ענווה פסולה'[ד], אז מען האט נישט די כוחות צו פארשטיין לערנען, און ער איז נישט איינער וואס קען אויסשטייגן און אויסוואקסן.

נאר יעדער איינער האט א נשמה וואס איז א חלק אלקי ממעל, און פארמאגט אין זיך ריזיגע כוחות, נאר ער דארף האבן דער אויבערשטער זאל אים עפענען די טויער, דאס אויבערשער זאל אים געבן א שטופ, צו קענען ארויסברענגן זיינע כוחות מכח אל הפועל.

און דער אויבערשטער וויל משפיע זיין פארן מענטש, ער וויל אים געבן די השפעות, און ממלא זיין די תפילות און בקשות פונעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט פון חז"ל[ה] **כי ימינך פשוטה לקבל שבים**, דער אויבערשטער'ס האנט איז ברייט אויסגעשטרעקט פאר סיי ווערט וואס קערט זיך צו אים, און וויל זיך מקבל זיין און וויל זיך אויסבעטן.

און אויב דער מענטש וועט באמת וועלן אנקומען און שטייגן, וועט דער אויבערשטער אים זיכער אויפרעכטן, ער זאל קענען אנקומען לויט ווי זיינע שאיפות און רצונות זענען.

אזוי ווי למשל א קליין קינד, איז זייער שטארק אנגעהאנגען אויף זיין טאטע און מאמע, ער פארלאזט זיך אויף זיי, ער ווייסט אז זיי געבן אכטונג אויף אים, און זיי געבן אים גערן אלעס וואס ער דארף און וויל, און ער ווייסט אז זיינע עלטערן העלפן אים אייביג ארויס מיט

ד. עיין בספה"ק תולדות יעקב יוסף, פרשת בראשית ד"ה ובזה יבואר, ופרשת תזריע ד"ה ועוד י"ל.

ה. במדבר רבה יג, יח, ועוד הרבה.

זיינע פראבלעמען און שוועריקייטן.

אבער חוץ פון דעם, אויסער דעם וואס זיי העלפן אים ארויס מיט זיינע שוועריקייטן, דארף ער צוקומען צו די חיזוק וואס די עלטערן געבן אים כדי ער זאל זיך קענען אנטוויקלען, דורכדעם וואס די מאמע געבט אים ליבשאפט און נעמט ארום דאס קינד מיט גרויס אהבה דאס שיינט אריין אין אים מורא'דיגע כוחות, און אנדעם קען ער נישט אויסוואקסן, ווייל אויב מען וועט פארשפארן א קינד אין א אפגעזונדערטע ארט, אפילו אויב מען וועט אים צושטעלן עסן און אלעס וואס ער דארף, וועט ער נישט אויסוואקסן א געזונט קינד, און וועט נישט ווערן אנטוויקלט.

און דאס איז די מציאות אויפן וועלט, קיינער קען נישט אנגיין אן קיין חיזוק, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[ו], **או חברותא או מיתותא**, ווייל אנדעם וואס מען האט נאך איינעם מיט זיך, מען האט א חברותא, און מען איז זיך מחזק איינע מיט די אנדערע, קען מען נישט אנגיין, קיינער קען זיך נישט דרייען אויפן וועלט אן קיין חיזוק, און בדרך הטבע איז נישט שייך אזוי צו מצליח זיין[ז].

---

ו. תענית כג.

ז. עס איז טאקע געווען יחידי סגולה וואס זיי האבן געקענט אנגיין איינער אליינס, אנדעם וואס זיי זאלן באקומען חיזוק פון סיי ווער, אזוי ווי מען טרעפט ביי משה רבינו, נאכדעם וואס ער איז אנטלאפן פון מצרים ביי די דרייצן יאר נאכדעם וואס ער האט גע'הרג'עט די מצרי, ביז די אכציג יאר, איז משה רבינו אפגעטיילט און אפגעזונדערט פון כלל ישראל, און האט זיך נישט געטראפן מיט קיינעם. אזוי אויך טרעפט מען ביי דוד המלך, וואס ביז כמעט די דרייסיג יאר איז ער געווען אפגעזונדערט פון זיין משפחה וואס האבן אים נישט געוואלט קענען, און דאס איז א נסיון וואס איז נישט מעגליך פאר אונז צו פארשטיין.

**אבער** אפילו זיי האבן באקומען חיזוק לויט זייערע גרויסע מדריגות, ווייל דורכדעם וואס זיי האבן געוואוסט אז דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל עפעס פון זיי, זיי האבן פארשטאנען אז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי אריינגעלייגט אין אזא שווערע מצב, איז וויבאלד דער אויבערשטער וויל עפעס האבן פון זיי, און די עצם מחשבה, האט זיי געגעבן חיזוק, און זיי האבן זיך מחזק געווען דערמיט, דורכאויס די אלע יארן וואס זיי זענען געווען אליינס (וכבר הארכנו בענין זה בס"ד בשיחות הקודמות).

דאס זעלבע איז מיט א איד ווען ער דאווענט צום אויבערשטער, ער איז מתפלל אז דער אויבערשטער זאל אים שענקן כח און הצלחה פאר תורה און יראת שמים, און דער אויבערשטער איז א געטרייער טאטע, וואס איז 'ידו פשוטה לקבל' יעדער איינער וואס בעט און דאווענט צו אים.

און ווען א איד דאווענט צום אויבערשטן, הערט אים דער אויבערשטער אויס, און דער אויבערשטער איז מחזק דער מענטש, און אן די חיזוק קען מען נישט אנגיין, קיינער אויפן וועלט קען נישט אנגיין און אנקומען צו הצלחה אנדעם וואס מען זאל אים מחזק זיין.

טראץ וואס דער אויבערשטער איז אן **אֵשׁ אֹכְלָה** (דברים ד, כד), איז אבער פארהאן איין זאך וואס דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ, דאס איז ווען עס קומט צו א איד, בפרט ענק - בחורי קודש - וואס זיצן און לערנען בקדושה ובטהרה, און דער אויבערשטער קומט אראפ און גלעט זיי בחיבה ובאהבה, דער באשעפער איז מחזק יעדע בחור וואס דאווענט צו אים און איז מתפלל צום באשעפער פאר זיין הצלחה.

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קכב, ח) **לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה נָּא שָׁלוֹם בָּךְ**, דער באשעפער רופט אונז - כלל ישראל - מיט א מורא'דיגע לשון של חיבה, "אחי ורעי" מיינע ברודער און גוטע פריינד[ח], און דאס איז נישט נאר די גרויסע צדיקים ושרפי מעלה, דאס איז יעדער איינער פון אונז, וואס דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ צו אונז, און הערט אונז אויס פערזענליך און איז ממלא אונזערע בקשות כדי מען זאל אים קענען דינען, און טון זיין רצון.

**"עס איז אבער פארהאן איין זאך וואס דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ, דאס איז ווען עס קומט צו א איד, בפרט בחורי קודש, וואס זיצן און לערנען בקדושה ובטהרה, און דער אויבערשטער קומט אראפ און גלעט זיי בחיבה ובאהבה"**

און דאס איז וואס מען לערנט ארויס פון פסוק, די תורה זאגט אונז "ונתנו ה'

---

ח. וזה לשון רש"י במס' חגיגה דף ז ע"א, ד"ה מבית רעך, "מבית אוהבך, **הקב"ה שקרא ישראל רעים** שנאמר למען אחי ורעי".

אלקיך בידיך", מען דארף גלייבן אז דער אויבערשטער הערט אויס די בקשות און תפילות וואס מען בעט, און איז מוכן ומזומן צו העלפן דער מענטש. דער אויבערשטער וועט אים העלפן מיט זיין מלחמת היצר, אז ער זאל זוכה זיין צו זיין א עבד נאמן לה' ולתורתו, און ער גייט זוכה זיין צו באקומען א תענוג אין עבודה, און שפירן א געשמאק אין תורה.

און איינמאל מען פארשטייט אז דער אויבערשטער הערט אויס יעדע בקשה וואס מען בעט, פארשטייט מען אויך אז מען איז נישט די זעלבע מענטש היינט פון נעכטן, היינט נאכן דאווענען, נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט אויסגעהערט וואס ער האט געבעטן, האט דער אויבערשטער זיכער אנגענומען זיין בקשה, און היינט איז אינגאנצן עפעס אנדערש פון א טאג פארדעם.

## גלייבן אין די כוחות וואס דער אויבערשטער געבט

מיט דעם פארשטייט מען פשט, אז ווען דער אויבערשטער איז געקומען געבן די תורה פאר כלל ישראל, האט כלל ישראל געענטפערט **'נעשה ונשמע'** (שמות כד, ז), אונז וועלן טון און הערן אלעס וואס דער אויבערשטער וועט אונז באפעלן[ט].

עס איז ידוע די קשיא וואס אסאך פרעגן, ווי אזוי האבן די אידן געקענט זאגן נעשה נאך פאר נשמע, זיי ווייסן דאך נאכנישט וואס דער אויבערשטער וועט זיי באפעלן, אפשר וועלן זיי דאס נישט קענען בכלל טון?

נאר דער פשט דערפון איז אז כלל ישראל איז דעמאלטס אנגעקומען צו די השגה אז וואס דער אויבערשטער - וואס איז א כל יכול - וועט אונז באפעלן צו טון, וועט ער צוזאמען מיט דעם אונז געבן די כוחות צו קענען ממלא זיין און מקיים זיין.

ט. עיין בגמרא שבת דף פח.

דאס איז די נקודה וואס שטייט דא אין פסוק אין פרשת כי תצא, דער איד לאזט זיך ארויס אויף זיין גרויסע מלחמה מיטן יצר הרע, ער גייט זיך שלאגן מיט זיינע שלעכטע תאוות און רצונות, גייט דאס צוזאמען מיט די כח פונעם אויבערשטן, 'ונתנו ה' אלקיך בידיך', דער אויבערשטער גייט אים געבן די כוחות דאס צו בייקומען.

"כלל ישראל איז דעמאלטס אנגעקומען צו די השגה אז וואס דער אויבערשטער - וואס איז א כל יכול - וועט אונז באפעלן צו טון, וועט ער צוזאמען מיט דעם אונז געבן די כוחות צו קענען ממלא זיין און מקיים זיין"

## יעדן טאג איז א פרישע הארה פון דאסניי

די פראבלעם איז נאר, אז דער מענטש לאזט זיך נישט גלייבן, נאכדעם וואס עפעס גייט נישט ווי אזוי ער וויל, עס גייט אים נישט אזוי גוט, ער שפירט נישט ווי ער איז געהאלפן געווארן, ווערט ער איינגעגעסן ביי זיך, זיין קאפ איז שוין מער נישטא, אנשטאט דעם וואס ער זאל גלייבן, אז דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, און אויסגעהערט אלעס וואס ער האט געבעטן, ווערט ער אנשטאט דעם מיואש און אפגעשוואכט פון זיין עבודה.

אבער מען דארף וויסן אז דאס איז א פסול'ע מחשבה, און עס איז נישט ריכטיג, דער אויבערשטער'ס האנט איז פשוטה לקבל שבים, יעדער איד האט א אחיזה אין די קדושה, און דער באשעפער הערט אויס יעדע בקשה, טראץ וואס נישט אלעמאל זעט מען עס, אבער דער אויבערשטער איז צוזאמען מיטן מענטש און הערט אויס וואס ער בעט, און באגלייט אים אויף טריט און שריט, אז ער זאל זוכה זיין צו די גרויסע מדריגות.

דערמיט פארשטייט מען אז דער מציאות איז אז יעדן טאג ווערט געשאפן א שינוי אינעם מענטש, נאך יעדע תפילה פונעם מענטש ווערט דער מענטש נתעלה געווארן אויף א העכערע מדריגה, ער איז געשטיגן מיט זיין דאווענען און מיט זיין עבודה.

אזוי ווי מען זאגט נאך בשם היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע, אויף די ברכה וואס מען מאכט יעדן אינדערפרי, **'שלא עשני גוי'**, וואס איז היינט נתחדש געווארן מער פון נעכטן? מען האט שוין נעכטן געמאכט די ברכה אז מען איז נישט קיין גוי, און דער גוי פון היינט, איז פארבליבן דער זעלבער גוי פון נעכטן, פארוואס דארף מען דאס איבערמאכן יעדן טאג פון דאסניי?

נאר דער פשט דערפון איז, אז די עבודה פון היינט כלפי די עבודה פון נעכטן איז א נייע עבודה, היינט איז מען א אנדערע איד פון נעכטן, מען איז שוין געשטיגן אסאך העכער פון נעכטן, ממילא פאסט זיך צו מאכן א פרישע ברכה, שלא עשני גוי, און קיין איין טאג איז נישט דומה צו די פריערדיגע.

און דאס איז ביי יעדע איינציגסטע תפילה וואס א איד דאווענט, קיין איין תפילה איז נישט דומה צו די פריערדיגע, יעדע תפילה איז באגלייט מיט א פרישע אהבה פונעם אויבערשטן, עס קומט מיט פרישע השגות וואס דער אויבערשטער איז משפיע פארן מענטש.

דערפאר דארף מען צוגיין צו יעדע תפילה ווי כאילו עס איז קיינמאל נאכנישט געווען אזא תפילה אויפן וועלט, ווען מען שטעלט זיך דאווענען שחרית, איז עס כאילו די ערשטע מאל וואס א איד דאווענט שחרית מיום בריאת העולם, און די נקודה פון דעם איז אז דער מענטש זאל פארשטיין אז ער קען יעצט זוכה זיין צו א פרישע השגה און דביקות אינעם אויבערשטן.

**"די עבודה פון היינט כלפי די עבודה פון נעכטן איז א נייע עבודה, היינט איז מען א אנדערע איד פון נעכטן, מען איז שוין געשטיגן אסאך העכער פון נעכטן, ממילא פאסט זיך צו מאכן א פרישע ברכה"**

און ווען עס ווערט אריבערגיין א קורצע תקופה און ער וועט צוריק-קוקן, וועט ער אליינס נישט גלייבן וויפיל ער איז געשטיגן, און וויפיל ער איז נתעלה געווארן, אנדעם וואס ער זאל אפילו שפירן ווען דאס איז געשען.

און ווען איז דאס טאקע געשען? דער תירוץ איז, עס איז געשען יעדן איינציגסטע

טאג, יעדן טאג איז געווען א פרישע עליה און התעלות, אנדעם וואס ער זאל אפילו שפירן ווי אזוי עס געשעהט.

## אני לדודי ודודי לי

אבער די שיעור וויפיל מען שטייגט, און וויפיל מען איז מצליח, דאס ווענד זיך שוין אין דער מענטש אליינס, דער אויבערשטער איז שטענדיג מקבל יעדער איינער וואס קומט צו אים, און לויט וויפיל דער מענטש איז מחליט אז עס איז 'אני לדודי', וויפיל דער מענטש איז גרייט אריינצלייגן און משקיע זיין, וויפיל ער איז גרייט זיך אנצושטרענגן צו האלטן ריין זיינע מחשבות, צו דינען דער אויבערשטער מיט א שמחה, בקדושה ובטהרה, לויט דעם איז מען זוכה צו די הארה חוזרת פון 'ודודי לי', דער אויבערשטער איז צוריק מאיר פנים מיט א געוואלדיגע פארנעם.

אזוי ווי די טייטש פון צדיקים אויפן פסוק אין תהלים (קמה, טז), **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן**, דער אויבערשטער עפנט די האנט, און איז משפיע פאר אלע באשעפענישן לויט זייער 'רצון', דאס הייסט, אז די השפעה פונעם מענטש ווענד זיך לויט וויפיל דער מענטש וויל מקבל זיין, אויב איז דער מענטש דארשטיג און וויל באקומען אסאך, וועט ער זוכה זיין צו באקומען אסאך, אבער אויב זיינע רצונות זענען זייער קליין, וועט ער באקומען די השפעות מצומצם לויט זיינע רצונות.

**"אויב איז דער מענטש דארשטיג און וויל באקומען אסאך, וועט ער זוכה זיין צו באקומען אסאך, אבער אויב זיינע רצונות זענען זייער קליין, וועט ער באקומען די השפעות מצומצם לויט זיינע רצונות"**

און עס איז פאסיג איבערצו'חזר'ן די מעשה פון דער גרויסער גאון און גדול רבי אביש'ל פראנקפורטער זצ"ל, ווען ער איז געווארן רב אינעם גרויסן שטאט פראנקפורט, איז געווען דארט א פשוט'ער איד וואס איז ארומגעגאנגען זאגן: "יא, איך האב געוואוסט".

ווען מען האט אים געפרעגט פשט אין זיינע ווערטער האט דער איד האט

פארציילט, אז אלס קינד איז ער אויפגעוואקסן צוזאמען מיט רבי אביש'ל, און ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען, האט ער געזען ווי גרויס די תורה איז, האט ער באשלאסן אז ער וועט סיי ווי נישט קענען לערנען די גאנצע תורה, האט ער אויפגעהערט צו לערנען, דאקעגן ר' אביש'ל האט ווייטער געלערנט.

יעצט זע איך, איך בין געווען גערעכט - זאגט דער איד - ר' אביש'ל האט נאכנישט געענדיגט, ער האלט נאכאלץ אינמיטן לערנען...

די אויבנדערמאנטע מעשה, איז א שיינע געלעכטער, אבער ליידער שפילט זיך עס אפ יעדן איינציגסטע דור, מען זעט יונגעלייט וואס אלס בחורים זענען זיי געזיצן און געלערנט, זיי האבן געהאט שאיפות צו שטייגן, זיי האבן געהארעוועט אין תורה, אבער היינט קוים וואס זיי לערנען ביינאכט דעם 'דף היומי', קוים וואס ער עפנט א ספר.

אפילו ווען עס קומט צו וואוילע יונגעלייט, זיי זענען פארנומען מיט חיזוק און עבודה, אבער ווען עס קומט צו לערנען איז זיין קאפ פארמאכט, ער שפירט נישט קיין טעם אין תורה, ער פילט נישט די זיסקייט אין א שטיקל גמרא, ווי אזוי איז דאס געשען? ווען האט זיך זיין קאפ פארמאכט? פארוואס קען ער נישט לערנען?

נאר דער פשט איז, ער האט זיך ערגעץ וואו אויסגעלאשן, ער האט טאקע געהאט גרויסע שאיפות צו שטייגן און מצליח זיין, ער האט געהאט גרויסע רצונות, אבער עס איז געקומען א טאג וואס ער האט באשלאסן אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין, לערנען איז נישט געמאכט פאר אים.

דער יצר הרע פארדרייט א קאפ, ער פראבירט אראפצושלעפן דעם מענטש, אז ער וועט שוין מער נישט אויסוואקסן, די תורה איז צו גרויס אז מען דאס קענען מצמצם זיין.

פארדעם איז זייער וויכטיג אז א מענטש זאל זיך קיינמאל נישט אפשאצן וויפיל ער קען אנקומען, מען זאל קיינמאל נישט אפמאכן ווי גרויס מען קען מצליח זיין, און ביז ווי ווייט מען קען אנקומען,

ווייל באמת האט א מענטש נישט קיין השגה אין די מורא'דיגע כוחות וואס ער פארמאגט, און אויב וועט ער זיך מצמצם זיין, וועט ער נאר באקומען לויט וויפיל זיינע רצונות זענען, און נישט מער ווי דעם, אפילו וואס באמת וואלט ער געקענט באקומען אסאך מער.

## וחשקת בה - מיט א חשק און שמחה

און ווען א מענטש גייט צו מיט די מהלך המחשבה, ווען ער גייט ארויס צום מלחמת היצר מיט די מהלך אז עס גייט זיין **'ונתנו ה' אלקיך בידך'**, דעמאלטס אפילו אויב עס וועט זיך טרעפן אז **'וראית בשביה אשת יפת תואר'**, דער יצר הרע וועט קומען פארדרייען די קאפ מיט עבירות, וועט ער זיך נישט לאזן און ער וועט אים קענען בייקומען, ווייל ער האט די סייעתא דשמיא, דער אויבערשטער העלפט אים ארויס אויף יעדן טריט און שריט מיט זיין מלחמת היצר.

ווייל ער האט נאר איין מטרה און איין חשק, **'וחשקת בה'**, ער האט נאר חשק אינעם אויבערשטן, און נישט קיין חילוק אויף וועלכע זייט דער יצר הרע וועט אים וועלן פארדרייען, וועט ער זיך אנהאלטן שטארק אין פעסט, און פארבלייבן מיט זיין חשק אינעם אויבערשטן.

עס שטייט אין חז"ל[י] אויפן פסוק אין שיר השירים (ג, יא) **בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ - זה מתן תורה**, קען מען ערקלערן פשט פארוואס קבלת התורה איז דומה צו א חתונה, ווייל מען זעט א אינטערעסאנטע זאך, לדוגמה ווען א בחור לערנט מיט א חברותא, עס גייט דורך א האלבע יאר, א יאר, שפירט ער אז ער מוז שוין טוישן חברותות, ער שפירט ער קען שוין מער נישט ממשיך זיין, אבער פון די אנדערע זייט זעט מען אז א מענטש האט חתונה און ער לעבט בשלום ובשלוה מיט די זעלבע פרוי פאר זעכציג - זיבעציג יאר, וואס איז די חילוק צווישן די צוויי?

נאר דער פשט איז זייער פשוט, א חתונה האט מען אנגעהויבן מיט א שמחה, מען האט עס אנגעהויבן מיט א חשק און אהבה, דאס

---

י. תענית כו:

געבט די כח צו קענען ממשיך זיין פאר לאנגע יארן, און דאס זעלבע איז ווען עס קומט צו דינען דער אויבערשטער אויב ווערט עס געטון מיט א חשק האט דער מענטש די כוחות צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז, מיט א פרישקייט און א געשמאק.

דאס איז א גרויסע נקודה ווען עס קומט צו די הייליגע טעג - די ימים הנוראים - הבאים לקראתנו לשלום, מען דאווענט און בעט דעם אויבערשטער, מען ווערט דבוק און מקושר צום אויבערשטן בשעת די תפילות, דאס דארף געבן חשק פארן מענטש פאר די גאנצע יאר, צו בלייבן ווייטער מחובר צום אויבערשטן, צו ווייטער דינען מיט תענוג און חשק.

און דער ענין פון 'חשק' איז גאר א וויכטיגע זאך ווען עס קומט צו מצליח זיין און תורה און עבודה, אזוי ווי יעדער פארשטייט אז נאך א טאג וואס מען האט זוכה געווען צו לערנען עטליכע שעות ברצופות, שפירט מען א געוואלדיגע געשמאק און טעם, און מען וועט עס נישט וועלן פארטוישן פאר קיין שום גשמיות'דיגע הנאה אויפן וועלט.

**"דאס זעלבע איז ווען עס קומט צו עבודת ה', אויב ווערט עס געטון מיט א חשק האט דער מענטש די כוחות צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז, מיט א פרישקייט און א געשמאק"**

טראץ וואס נישט אייביג איז עס לייכט צו לערנען, נישט אייביג קומט עס אן גרינג, אבער איינמאל מען האט עס געטון, שפירט מען נאכדעם א געוואלדיגע אויסטערלישע תענוג, און דאס דארף מען פראבירן צו האלטן ווי לאנג מען קען, צו ממשיך זיין און אנהאלטן די חשק און תענוג.

און ווען מען טוט עס מתוך אהבה, איז עס פי כמה שטערקער און גרעסער ווי איידער מען טוט עס געצווינגענערהייט אן קיין חשק און טעם, און ווען עס גייט צו מיט א געשמאק טוט דאס באגלייטן פאר די גאנצע יאר, און עס געבט כח צו ממשיך זיין ווייטער מיט א שטארקייט.

זאל דער אויבערשטער העלפן, עס זאל קומען גרויסע לעכטיגע זמנים, מען זאל קענען טאקע דינען דער אויבערשטער מיט א שמחה און התלהבות, און מען זאל קענען ארויסברענגן די אייגענע גרויסע כוחות וואס מען פארמאגט, און מען זאל זוכה זיין צו אויסנוצן די גרויסע טעג וואס קומען, צו קענען ווערן דבוק ומקושר צום אויבערשטן, מען זאל זיין לעכטיגע און הייליגע עבדים נאמנים לה' ולתורתו, וימלא ה' כל משאלות לבכם לטובה, וחפץ ה' בידכם יצליח, מען זאל שוין זוכה זיין עס אז זאל זיין 'והיה ה' למלך על כל הארץ ביום הוא יהיה הוי"ה אחד ושמו אחד' (זכרי' יד, ט), עס שוין נתגלה ווערן די כבוד ה' אויף די גאנצע וועלט, בברכת כתיבה וחתימה טובה לנו ולכל ישראל, אמן.

# פתחו לי פתח כחודו של מחט

שיחה ביום ב' פרשת חקת – בלק שנת תש"פ

## 'חודש השביעי שהוא מושבע בכל'

מען שטייט יעצט אין חודש אלול, מען דערנענטערט זיך שוין צו די הייליגע טעג - חודש תשרי - הבאים לקראתנו לשלום, וואס דעמאלטס איז כלל ישראל ארומגענומען מיט אזויפיל גרויסע און הייליגע מצות, אנגעפאנגן פון ראש השנה, און געענדיגט ביז נאך סוכות.

אזוי ווערט געברענגט אין מדרש[א] אויף חודש תשרי וואס איז די זיבעטע חודש, 'בחודש השביעי - חודש השביעי שהוא משובע בכל', שביעי איז מלשון 'שביעה', עס איז זאט און אנגעשטאפט מיט מצות, עס איז א חודש וואס מען האט די זכי' צו מקיים זיין אזויפיל מצות דאורייתא און מצות מדרבנן, וואס יעדע מצוה פאר זיך איז מקדש און מטהר דער מענטש עד אין לשער, און הייבט אים אויף און דערנענטערט אים צום באשעפער.

און דאס איז א ספעציעלע זאך וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, אז די אנפאנג פונעם יאר זאל זיך אנפאנגן מיט אזויפיל מצות, וואס דאס ברענגט א שפע פון קדושה און ברכה פאר די גאנצע קומענדיגע יאר וואס קומט בס"ד.

---

**א.** אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (ויקרא רבה כ"ט, ח') אויפן פסוק (ויקרא כט, כג) בחודש השביעי באחד לחודש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה, 'בחודש השביעי שהוא משובע בכל, (שביעי מלשון שביעה, שובע) גתות בתוכו (הגתות מלאים יין והשדות מלאים תבואה ועי"ז מקיים מצות לקט שכחה פאה), ברכות בתוכו, כיפור בתוכו, סוכה בתוכו, לולב וערבה בתוכו', ע"כ.

## מיין עבודה איז ווייט פון שלימות

עס איז דא א ענין וואס קען נתעורר ווערן בפרט ביי בחורי קודש און עובדי ה', אז ווען עס קומט צו מקיים זיין א מצוה, נישט אייביג טוט מען די מצוה מיט די גאנצע כוונה, נישט אייביג שפירט מען ווי די הארץ און נשמה זענען דערביי בשעת מען איז מקיים די מצוה, אסאך מאל שפירט מען אז די מצוה ווערט געטון בלויז מן השפה ולחוץ, מען שפירט ווי מען נער'ט זיך ווען עס קומט צו די מצוה.

וכאן הבן שואל: וואס קען איך טון דערצו? וואס קען איך טון ווען איך שפיר אז מיין עבודה איז נישט בשלימות? וואס איז די וועג אז איך זאל קענען צוקומען צו מקיים זיין מצות ה' מיט א גאנצקייט אן קיין זייטיגע מחשבות און הרהורים?

און באמת איז די שאלה א כלליות'דיגע שאלה ווען עס איז שייך צו די גאנץ-יערליכע עבודת ה', בפרט ווען עס קומט צו לערנען תורה, עס איז דאך דא אזויפיל מניעות און נארישקייטן וואס האלטן אפ א מענטש פון זיין אריינגעטון ראשו ורבו אין תורה און עבודה, און ווען ער לערנט שוין יא, קומט עס צוזאמען מיט אזויפיל חשבונות און מחשבות, וואס בלויז א קליינע טייל דערפון איז די מחשבה אז מען לערנט תורת ה', און אז מען וויל דורכדעם ווערן דבוק און מקושר אינעם אויבערשטן.

דאס איז עפעס וואס קען זייער שטערן פאר א בחור און פאר סיי ווער וואס וויל באמת דינען דער אויבערשטער מיט א שלימות, מיט וואס איז מיין עבודה חשוב? איך קום נישט אן צו לערנען אזוי פיל וויפיל איך האב געוואלט, און ווען איך לערן שוין יא, און ווען איך שטעל זיך שוין יא דאווענען, טו איך דען דעם רצון ה' מיט מיין לערנען און דאווענען, בשעת ווען עס איז איבערגעפילט מיט אנדערע מחשבות?

## צפוי למזבח כי הקריבם לפני ה' ויקדשו

כדי דאס צו ערקלערן פאדערט זיך צו מקדים זיין א הקדמה, וואס וועט בס"ד אויפשיינען א גרויסע ליכטיגקייט פאר יעדע עובד ה', וואס

איז מוכן ומזומן לעמוד לשרת בקודש לפני ה', און וויל דינען דעם אויבערשטן, און שאפן א נחת רוח להבורא יתברך שמו.

אין די תורה הק' געפינט מען א פרשה, וואס האט זיך אפגעשפילט בשעת ווען כלל ישראל איז געווען אינעם מדבר, ביים דור דעה, וואס זענען געווען די מקבלי התורה, א דור וואס איז צוגעקומען צו גאר גרויסע מדריגות, און אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק'[ב], אז אזא דור דעה וואס איז געווען אין מדבר איז קיינמאל נישט געווען און עס וועט קיינמאל מער נישט זיין.

די תורה פארציילט אונז די פרשה פון קרח, וואס איז ארויס מיט א מחלוקת אנטקעגן משה רבינו, זאגנדיג אז משה רבינו האט גענומען פאר זיך די מלוכה און געגעבן פאר זיין ברודער אהרן די כהונה, אבער ער - קרח - האט גארנישט באקומען. און צוזאמען מיט קרח איז מיטגעקומען די צוויי הונדערט און פופציג ראשי סנהדראות, וואס האבן זיך משתתף געווען מיט די מחלוקת און זיך געשטעלט אויף די זייט פון קרח[ג].

**"וואס קען איך טון אז מיין עבודה איז נישט בשלימות? וואס איז די וועג אז איך זאל קענען צוקומען צו מקיים זיין מצות ה' מיט א גאנצקייט אן קיין זייטיגע מחשבות און הרהורים?"**

אונז האבן נישט די מינדעסטע השגה וואס דארט איז געווען, עס איז זייער ווייט פון אונזער מח און אונזערע קליינע השגות,

---

ב. זוה"ק ח"ג דף קסח:

ג. ועיי"ש ברש"י (במדבר טז, א ד"ה ודתן ואבירם) וז"ל, 'ומה ראה קרח לחלוק עם משה, נתקנא על נשיאותו של אליצפן בן עוזיאל שמינהו משה נשיא על בני קהת על פי הדבור. אמר קרח, אחי אבא ארבעה היו, שנאמר (שמות ו, יח) ובני קהת וגו'. עמרם הבכור נטלו שני בניו גדולה, אחד מלך ואחד כהן גדול, מי ראוי ליטול את השניה, לא אני שאני בן יצהר שהוא שני לעמרם, והוא מנה נשיא את בן אחיו הקטן מכולם, הריני חולק עליו ומבטל את דבריו. מה עשה, עמד וכנס מאתים חמישים ראשי סנהדראות, רובן משבט ראובן שכיניו, והם אליצור בן שדיאור וחביריו וכיוצא בו, שנאמר נשיאי עדה קריאי מועד, ולהלן הוא אומר (במדבר א, טז) אלה קרואי העדה, וכו', ע"כ.

אבער די תורה פארציילט אונז וואס דארט האט פאסירט כדי אונז צו לערנען, אז אפילו אונז מיט אונזערע פשוט'ע מדריגות זאלן זיך אויך קענען לערנען דערפון פאר אונזער עבודת ה'.

אין פסוק שטייט אז נאכדעם וואס די חמישים ומאתים ראשי סנהדראות האבן געברענגט די קטורת, זענען זיי אלע נפטר געווארן, און דער אויבערשטער האט באפוילן פאר משה רבינו (במדבר יז, ג) **אֵת מַחְתּוֹת הַחַטָּאִים הָאֵלֶּה בְּנַפְשֹׁתָם וְעָשׂוּ אֹתָם רִקֻּעֵי פַחִים צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ כִּי הִקְרִיבֻם לִפְנֵי ה' וַיִּקְדָּשׁוּ וְיִהְיוּ לְאוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל**, מען זאל נעמען די מחתות וואס זיי האבן גענוצט צו מקטיר זיין די קטורת און מאכן דערפון א **צִפּוּי** - צודעק פארן מזבח, וואס דאס זאל שטענדיג פארבלייבן - א צייכן פאר כלל ישראל פאר די אלע קומענדיגע דורות, איבער די גאנצע פרשה וואס עס האט פאסירט.

די תורה זאגט א לשון, 'כי הקריבם לפני ה' ויקדשו', די מחתות זענען קדוש, וויבאלד מען האט עס גענוצט צו מקטיר זיין קטורת, דעריבער קען מען עס נישט נוצן פאר עפעס אנדערש[ד], און מען זאל עס נוצן פאר א צִפּוי למזבח.

## הכל הולך אחר כוונת האדם

שטעלן זיך די מפרשים[ה], מען קען דאך נישט מקדיש זיין א זאך פאר הקדש נאר אויב מען האט געהאט א כוונה דערצו, און זייער כוונה איז נאר געווען צו מקטיר זיין 'קטורת זרה בחוץ' (דאס הייסט א זר וואס איז מקטיר קטורת אינדרויסן פון משכון), און עס איז בכלל נישט געווארן קדוש. און אפילו אויב עס איז יא געווארן קדוש, איז עס נאר געווארן קדוש פאר הקרבת קטורת און נישט פארן מזבח.

---

ד. כמבואר שם ברש"י (במדבר יז, ב ד"ה כי קדשו) וז"ל 'כי קדשו המחתות ואסורין בהנאה, שהרי עשאום כלי שרת'.

ה. עיי"ש ברמב"ן (ד"ה כי קדשו), בסופרנו (ד"ה כי הקריבם וגו'), ובאוה"ח הק' (שם) ועוד מפרשים.

ענטפערט דער רמב"ן א מורא'דיגע תירוץ וואס איז א כלל גדול אין עבודת ה', אז וויבאלד די ראשי סנהדראות וואס האבן גענומען די מחתות צו מקטיר זיין קטורת האבן דאס געטון על פי משה רבינו[ו], דעריבער - וויבאלד עס געטון געווארן על פי משה רבינו עפ"י ציווי ה' - איז עס געווארן קדוש, און ער איז מוסיף אז וויבאלד זיי האבן געמיינט אז דער אויבערשטער וועט זיי ענטפערן האבן זיי אינזין געהאט מיטן ברענגן די קטורת אז די מחתות וועלן ווערן כלי שרת אינעם אהל מועד.

און דער רמב"ן לייגט צו - והנכון בעיני - אז טראץ וואס משה רבינו האט זיי דאס באפוילן צו טון ווייל ער האט זיי דערמיט געוואלט באשטראפן, וואס אזוי איז טאקע געווען, דורכדעם וואס זיי האבן מקטיר געווען די קטורת זענען זיי גע'הרג'ט געווארן, איז דאס אבער געווארן קדוש ווייל וויבאלד משה רבינו האט זיי דאס באפוילן אויפן באפעל פונעם אויבערשטן, און דאס איז געווען דער רצון ה', האט דער אויבערשטער אליינ'ס עס מקדש געווען, וויבאלד דער אויבערשטער האט געוואלט עס זאל זיין א 'אות' פאר כלל ישראל איבער וואס עס האט פאסירט, דעריבער איז עס געווארן קדוש לקדושת מזבח[ז].

דער פשט דערפון איז, אזוי ווי עס ווערט שוין געברענגט פון פריערדיגע איבער די גאנצע מחלוקת פון קרח, אז עס איז געווען גאר א דקות'דיגע און הייליגע מחלוקת, קרח האט דא אינזין געהאט דעם אויבערשטן,

ו. אזוי ווי עס שטייט אין די פסוקים (שם טז, ה - ז) וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר וגו', זֹאת עֲשׂוּ קְחוּ לָכֶם מַחְתּוֹת קֹרַח וְכָל עֲדָתוֹ. וּתְנוּ בָהֵן אֵשׁ וְשִׂימוּ עֲלֵיהֶן קְטֹרֶת לִפְנֵי ה' מָחָר וגו'.

ז. וז"ל הרמב"ן (במדבר יז, ב ד"ה כי קדשו), 'כי קדשו המחתות, והם אסורין בהנאה שכבר עשאום כלי שרת, לשון רש"י. ולא ידעתי טעם לאיסור הזה, שהרי קטורת זרה הקריבו וזר שעשה כלי שרת להקריב בחוץ באיסור אינו מקודש. אבל יש לומר, כי בעבור שעשו כן על פי משה היו קדש, כי הם הקדישו אותם לשמים לפי שחשבו שיענה אותם האלקים באש ותהיינה המחתות האלה כלי שרת באהל מועד לעולם. והנכון בעיני, כי יאמר הכתוב (שם ג') כי הקריבום לפני ה' ויקדשו ויהיו לאות לבני ישראל, כלומר אני הקדשתי אותם מעת שהקריבו אותם לפני כדי שיהיו לאות לבני ישראל, ע"כ.

**"אפילו אויב עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז סוף דבר איז עס געווען היפך רצון ה'! טראצדעם איז עס פארבליבן הייליג פארן אויבערשטער!"**

הגם עס איז געווען באהאלטן אין דעם דרויסנדיגע נגיעות האט ער דאס אבער נישט באמערקט[ח], און ער האט געהאלטן אז ער טוט דעם רצון ה', אזוי ווי עס שטייט פון אריז"ל[ט] אויפן פסוק (תהלים צב, יג) **צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח**, איז סופי תיבות קר"ח.

אבער עס איז געווען א געוויסע דקות'דיגע נקודה פון קנאה - וואס פארשטייט זיך אז דאס איז למעלה מהשגותינו - וואס דאס האט גורם געווען ער זאל פארפארן פון די ריכטיגע וועג, און עס איז אויסגעקומען אז למעשה האט ער זיך געשלאגן מיט א מחלוקת אנטקעגן משה רבינו, אבער זיין כוונה איז געווען א ריינע כוונה קודש לה'.

און די זעלבע איז געווען מיט די חמישים ומאתים איש, וואס זענען געווען גרויסע מענטשן, מראשי סנהדראות, און זייער כוונה איז געווען ריין פארן באשעפער'ס וועגן, אבער למעשה בפועל האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז נישט געווען אינגאנצן אזוי, און עס איז געווען נגד רצון ה'.

אבער וויבאלד זייער כוונה איז געווען פארן באשעפער, און זיי האבן געמיינט אז זיי טוען עס לכבוד דעם באשעפער, זאגט דער אויבערשטער וויבאלד מען האט מיר געמיינט, מען האט אינזין געהאט צו טון מיין רצון, איז די עבודה הייליג, **'כִּי קָדֵשׁוּ'** (במדבר יז, ב), זייער קטורת איז הייליג און די מחתות איז הייליג, טראץ וואס עס איז למעשה נישט

---

**ח.** כדאיתא בזוה"ק (ח"ג מט.) 'אמר ר' יצחק רב מכל ליאוי קורח הוא, דעבדיה קב"ה לתתא כגוונא דלעילא וקרייה קורח'. וע"ע במדרש (במדבר רבה יח, ג) דחכם גדול היה קרח, ומטועני הארון היה.

**וראה** באגרא דפרקא (אות ל"ג) וזלש"ק 'בזוה"ק וכן במדרשי רז"ל הפליגו במעלת קרח שהיה מופלג מאוד בחכמה, רק שלפי שעה טעה בחטא דק, ואמר האריז"ל שלעתיד לבא יתעלה קרח למעלה צדי"ק כתמ"ר יפר"ח ס"ת קרח וכו', עיי"ש.

**ט.** כמבואר בספר הגלגולים (פרק מ"ט) צדיק כתמר יפרח ס"ת קרח, שהוא יהיה עתיד לפרוח ע"י שמואל הנביא וכו' עיי"ש. וכ"ה בסידור האר"י בקבלת שבת מזמור שיר ליום השבת וגו'. וע"ע בעשרה מאמרות (מאמר אם כל חי ח"ג סימן ל"ד) טעם הענין בזה.

געווען ריכטיג, און טאקע דערפאר האבן זיי באקומען זייער עונש דארט אויפן ארט, אבער די נקודת האמת אין זייער מחשבה, איז פארבליבן לרצון לפני ה', און עס איז געווארן הייליג.

**"וויבאלד זייער כוונה איז געווען פארן באשעפער, זאגט דער אויבערשטער וויבאלד מען האט מיר געמיינט, מען האט אינזין געהאט צו טון מיין רצון, איז די עבודה הייליג"**

דער פשט דערפון איז, דער אויבערשטער רעכנט די מעשים פונעם מענטש לויט זיין רצון, וואס האט ער געמיינט בשעת ער האט געטון די עבודה, האט ער עס געוואלט טון פארן אויבערשטער צו נישט, אפילו אויב עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז סוף דבר איז עס געווען היפך רצון ה'! טראצדעם איז עס פארבליבן הייליג פארן אויבערשטער.

און דא ליגט א געוואלדיגע לימוד וואס אונז קענען זיך פון דעם ארויסלערנען, וואס איז נוגע יעדע'ס מאל ווען עס קומט צו דינען דער אויבערשטער, א מענטש איז דאך כסדר ארומגענומען פון אלע זייטן מיט נגיעות, ער מאכט חשבונות צו דער זעט אדער יענער זעט, ער נעמט פרעשו"ר פון די סביבה, פון זיינע חבירים און משפחה, און קוים וואס ער האט אינזין דער אויבערשטער.

אבער פארן באשעפער איז די עיקר נקודה, וואס האט מען געמיינט דערמיט, האסטו געטון וויפיל דו האסט געקענט, האסטו געוואלט טון די רצון ה', אפילו אויב למעשה האסטו עס געטון צוזאמען מיט נאך טויזנט מחשבות, אבער וואס איז געווען די פנימיות פון דיין מחשבה און רצון, און דאס איז וואס דער אויבערשטער איז זייער מחשיב, און די עבודה ווערט נתקבל באהבה וברצון פארן אויבערשטער.

## אונזער עבודת ה' למעשה

אויסערדעם וואס מען האט יעצט מסביר געווען די געוואלדיגע חשיבות פון יעדע מעשה וואס מען טוט מיט א כוונה צו טון רצון

ה', אזוי ווי מען זעט ביי עדת קרח, וואס טראץ זייער מעשה איז נישט געווען ריכטיג, פונדעסטוועגן וויבאלד זייער כוונה איז געווען פארן אויבערשטער'ס וועגן, האט עס דער אויבערשטער מקבל געווען און האט מקדיש געווען מעשי ידיהם.

איז אבער פארהאן נאך א נקודה וואס מען דארף וויסן אין עבודת ה' ווען מען איז מקיים מצות, אז דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן א מורא'דיגע כח אין אונזערע מעשים וואס אונז טוען. דאס הייסט אז דורך די מעשה בפועל וואס א איד טוט ווען ער איז מקיים די מצוה, דאס אליינ'ס טוט אויף גרויסע זאכן, און עס איז מורא'דיג מקדש און מטהר דער מענטש, און עס האט א געוואלדיגע השפעה אויף די פנימיות פונעם מענטש.

און אפילו אויב א מענטש שפירט נישט אז זיינע מצות ווערן געטון געווארן מיט די גרעסטע כוונה בתכלית השלימות, דארף ער אבער וויסן אז די עצם מעשה המצוה פארמאגט אין זיך מורא'דיגע כוחות, און די עצם זאך אז ער איז מקיים א מצוה בפועל ממש, פועל'ט גרויסע זאכן.

דאס הייסט אזוי, אין עבודת ה' איז פארהאן עטליכע דרגות עבודה, צווישן זיי איז פארהאן 'עבודת המחשבה והדיבור' און 'עבודת הידים', עס איז פארהאן אן עבודה וואס מען איז נישט מקיים למעשה, מען איז עס נאר מקיים במחשבה אדער בדיבור, דערנאך איז פארהאן א גרעסערע עבודה, וואס דאס איז מען מקיים בפועל ממש, מען טוט עס במעשה, וואס דאס איז א העכערע מדריגה.

ווען עס קומט צו עבודת הידים – וואס דאס איז די שם כללי אין ספרים הק' פאר אלע מצות מעשיות, טרעפט מען אז אין די הענט פון א איד איז פארהאן מורא'דיגע כוחות, אזוי ווי מען טרעפט אין די ספרי המקובלים[י] בשעת ווען א איד וואשט זיך די הענט פאר נטילת ידים, מען זאגט דער פסוק 'שאו ידיכם קודש וברכו את ה'', און מען

י. בענין זה האריכו בעלי המקובלים, בסוד הנורא של שאו ידיכם קודש וברכו את ה', ובענין הגבהת הידים כנגד הראש בעת הנטילה (ראה בעץ חיים היכל ה', היכל זעיר אנפין, שער ל"א שער פרצופי זו"ן, פרק ב' עמוד קי"ג ט"א, ד"ה נמצא, ועוד).

הייבט אויף די הענט העכער די קאפ צו מאכן די ברכת על נטילת ידים, שאקלט זיך וועלטן דערמיט, און עס שטייט דארט מורא'דיגע לשונות וואס עס טוט זיך אלס אפ בשעת מעשה.

און אין זוה"ק שטייט נאכמער[יא], אז מען טאר נישט סתם אזוי אויפהייבן די הענט העכער די קאפ אויסער בשעת'ן דאווענען, ווייל מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס עס טוט אלס אפ בשעת ווען א איד הייבט אויף די הענט, ווייל ווען א איד הייבט אויף די הענט, הייבן זיך אויף עולמות.

אזוי אויך טרעפט מען אין חז"ל[יב], אז דורכאויס די גאנצע צייט פון די שבעת ימי המילואים, איז די שכינה נאכנישט אראפגעקומען רוען צווישן אידן, טראץ וואס מען האט מקריב געווען די אלע קרבנות במשך שבעת ימי המילואים.

אזוי אויך ביום השמיני האט מען מקריב געווען די קרבנות, אבער די שכינה איז נאכאלץ נישט געקומען רוען. שטייט נאכדעם אין פסוק, (שם ט, כב) **וַיִּשָּׂא אַהֲרֹן אֶת יָדָיו אֶל הָעָם וַיְבָרְכֵם וַיֵּרֶד מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת וְהָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים**, אהרן הכהן האט אויפגעהויבן די הענט, און געבענטשט כלל ישראל, און דורכן אויפהייבן די הענט, דאס האט ארויסגעברענגט די עבודה מכח אל הפועל, און דורכדעם האט מען זוכה געווען אז די שכינה איז געקומען רוען אינעם משכן.

און טאקע ביי נשיאות כפים זעט מען די גרויסע כח פון הייבן די הענט, ווייל דאס איז די עיקר עבודה ביי נשיאת כפים, אזוי ווי עס שטייט אין די פוסקים אז א כהן וואס קען נישט אויפהייבן די הענט, איז דאס מעכב די דוכענען אפילו בדיעבד. און לויט ווי מען רעדט פארשטייט מען דאס זייער גוט, וויבאלד דאס איז די גרויסע עבודה פון נשיאת כפיים, דייקא דאס וואס דער כהן הייבט אויף די הענט, וואס דאס האט א מורא'דיגע כח וואס הייבט אויף וועלטן, דעריבער

---

**יא.** כמבואר בזוה"ק כמה פעמים (ראה זוה"ק פרשת יתרו דף סז. ועוד), והובא בכף החיים (או"ח סימן קכ"ח אות ע"ט).

**יב.** הובא ברש"י ויקרא ט, כג, ד"ה ויצאו.

איז אויפהייבן די הענט מעכב[יג].

און די עבודה רירט אן צו א גאר הויכע שורש למעלה און ממילא איז די עבודה קיים לעד און פועל גרויסע ענינים למעלה אפילו אין גלות, אזוי ווי עס שטייט אין די ראשונים אז הגם אז די עבודת הכהנים פון הקרבת קרבנות איז נאר שייך בזמן שבית המקדש היה קיים, איז אבער נשיאת כפים א העכערע עבודה, וואס דאס קען מען טון אפילו אויב עס איז נישטא קיין בית המקדש[יד].

קומט אויס אז דייקא דורך די עבודה זענען מיר ממשיך השראת השכינה למטה אפילו בימי הגלות, ווי מיר האבן פריער געזען אז דייקא די עבודת פון הרמת ידי אהרן האט מעורר געווען השראת השכינה מער ווי די עבודת הקרבנות.

און באמת איז עס געבויט אויף גאר הויכע ענינים וואס האט צו טון מיט הנהגות וואס ווערן דורכדעם אפגעטון למעלה, ווייל דורך אונזער אויפהייבן די הענט צום אויבערשטן איז מען מעורר למעלה א הנהגה וואס איז העכער פון מוחין [אזוי ווי מיר זען דא אינטן א פועל דמיוני אז די איינציגסטע אבר פון א מענטש וואס קען זיך הייבן העכער די

---

**יג.** עס איז פארהאן די באקאנטע מחלוקת צווישן דער נודע ביהודה און ישועת יעקב, אויב א כהן וואס קען נישט אויפהייבן די הענט ביים דוכענען, אויב עס איז מעכב אדער נישט. דער שבות יעקב (בשו"ת שבות יעקב ח"ב סימן א') האט געהאלטן אז די הלכות פון דוכענען וואס ווערט אויסגערעכנט אין חז"ל (סוטה דף ל"ח), איז בלויז אן אסכמכתא און עס איז נישט מעכב די ברכה.

**אבער** דער נודע ביהודה (מהדו"ק או"ח סימן ה') דינגט זיך שטארק אויפן שבות יעקב, און האלט אז עס איז מעכב, און ער פארענדיגט די תשובה און זאגט אז עס איז א אפענע פסוק אז א כהן וואס קען נישט אויפהייבן די הענט קען נישט דוכענען, אזוי ווי מען לערנט ארויס פונעם פסוק (שם) וישא אהרן את ידיו, און אויב קען מען נישט אויפהייבן די הענט קען מען נישט דוכענען, ועיי"ש (וע"ע בשו"ת אבני נזר ח"א סימן ל"א), און אזוי פסק'ענען רוב אחרונים לדינא (עיין פרי חדש סימן קנ"ח ס"ק י"ד, ובמשנ"ב שם).

**יד.** ראה רש"י חולין (דף קלג. ד"ה בין), וכ"ה בתוס' (מנחות מד. ד"ה כל), וכ"ה מבואר להדיא בספר החינוך (מצוה שע"ח), דמצוה זו נוהגת בכל מקום ובכל זמן בכהנים, כיון שעליהם המצוה לברך את ישראל, אולם יעויין בפני יהושע (כתובות דף כד:).

מח איז די די הענט], צו א מקום ווי דארט האבן די חיצונים קיין שום שליטה.

און באמת קען מען עס אויך מסביר זיין און פארשטיין בפשטות, אזוי ווי א מאמע וואס הייבט אויף איר קינד אין אירע הענט, זי נעמט ארום דאס קינד מיט די הענט, געבט דאס אריין געוואלדיגע כוחות אינעם קינד, עס אנטוויקלט דאס קינד, בלויז פון דעם וואס די מאמע האט אים ארומגענומען מיט אירע הענט. דאס איז בלויז א ביישפיל פאר די מורא'דיגע הייליגע כוחות וואס ליגט באהאלטן אין די הענט פון א איד, און עס קען אויפטון גאר אסאך.

**"א מאמע וואס הייבט אויף איר קינד אין אירע הענט, זי נעמט ארום דאס קינד מיט די הענט, געבט דאס אריין כוחות אינעם קינד, עס אנטוויקלט דאס קינד, בלויז פון דעם וואס די מאמע האט אים ארומגענומען מיט אירע הענט"**

אבער פונדעסטוועגן, די כח המחשבה פאר זיך פארמאגט אויך א באזונדערע כח, אזוי ווי מען האט אויבן מסביר געווען, אז קרח ועדתו, טראץ וואס זייער מעשה איז נישט געווען לפי רצון ה', אבער וויבאלד זייער פנימיות'דיגע כוונה איז געווען בלתי לה' לבדו, איז זייער מעשה פאררעכנט געווארן קודש פארן אויבערשטער, טראץ וואס עס איז נישט ארויסגעקומען אויף א ריכטיגע וועג.

און די סיבה פארוואס מען מוז צוקומען סיי צו עבודת המחשבה והדיבור און סיי צו עבודת מעשית וואס דאס מיינט ארויסברענגען די מחשבה און דיבור אויף למעשה, און עס טון בפועל ממש, איז וויבאלד די הענט האבן א כח ארויסצוברענגען די הרגשי הלב, ווייל די מחשבה פאר זיך פארמאגט נישט קיין אייגענע מציאות מוחשית, און נאר דורך די הענט קען מען דאס אראפברענגען במציאות, און ארויסברענגען די מחשבה, ממחשבה למעשה, ווייל אן א פעולה במעשה בלייבט עס איבער נאר בלב ובמחשבה, און עס בלייבט נישט גארנישט פון דעם.

דאס איז די געוואלדיגע כח וואס ליגט באהאלטן אין די כח המעשה פון יעדע איד, אין יעדע מצוה וואס מען איז נאר מקיים, און יעדע'ס

מאל וואס מען איז מקיים א מצוה בפועל ממש, פועל'ט עס געוואלדיגע זאכן, און עס האט א מורא'דיגע השפעה אויפן מענטש[טו].

איבערהויפט ווי מען האט פריער דערמאנט וואס עס איז געווען ביי די עדת קרח, אז אפילו אויב ווען עס איז געקומען למעשה, איז די מחשבה נישט בהכרח געווען אויסגעהאלטן אינגאנצן, האט אבער די עצם מעשה המצוה א געוואלדיגע כח הן למעלה און הן למטה אויף די מענטש אליין.

און דאס איז נוגע פאר יעדעם איינעם פון אונז, שטענדיג ווען מען איז מקיים א מצוה, מען שאקלט לולב, מען טוט די מעשה בידים, איז אפילו מען איז נישט זיכער אז מען האט מקיים געווען די מצוה בשלימות, מען ווייסט נישט מיט וויפיל כוונה עס איז געטון געווארן,

---

**טו.** עס איז פאסיג צו-צולייגן די באקאנטע מעשה פונעם הייליגן מאור עינים זי"ע, וועלכע איז אמאל איינגעשטאנען אין א גאסט-הויז, און דער משרת האט געברענגט פארן רבי'ן מעי"ד (א סארט משקה געמאכט פון האניג).

**ווען** דער הייליגער מאור עינים האט געזען די משרת האט ער אים געפרעגט, אויב ער האט היינט געלייגט תפילין, האט דער משרת געענטפערט, אז יעדן טאג שטייט ער אויף פרי, און ער גרייט צו די גאסט-הויז, ער ווארעמט די אויוון וכו', און שפעטער ווען עס בלייבט אים איבער צייט כאפט ער אריין צו לייגן תפילין און דאווענען, אבער היינט איז ער אויפגעשטאנען שפעט, און איז געווען זייער פארנומען מיט די ארבעט, האט ער נישט געהאט קיין צייט צו לייגן תפילין.

**און** דער משרת האט אויסגעפירט, סיי ווי האט מיין תפילין לייגן נישט קיין גרויסע חשיבות, וואס קען איך שוין אויפטון מיט מיינע פשוט'ע מעשים, איך פארשטיי דאך סייווי נישט צופיל וואס איך טו.

**האט** דער הייליגער צדיק געענטפערט, זעסט דאך אז איך האב געזען אויף דיר אז דו האסט נישט געלייגט קיין תפילין, און דאס איז געווען ווייל איך האב נישט געזען אויף דיר די הארה פון תפילין, זעסטו פון דעם אז אפילו דיין פשוט'ע מעשה מאכט א גרויסע רושם, און מען קען דערקענען אויב דו האסט היינט יא געלייגט אדער נישט געלייגט תפילין.

**און** דאס איז די חשיבות פון יעדע מעשה המצוה פון א איד, נישט קיין חילוק וועלכע כוונה ער האט געהאט, בלויז מיטן טון א מצוה, איז ער זוכה צו א לעכטיגקייט און הארה פון הימל, און מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס מען טוט אויף מיט יעדע קליינינקייט וואס מען טוט.

דארף מען געדענקן אז למעשה האט מען געטון די מעשה המצוה און די חשיבות פון דאס אליינס איז גאר גרויס.

דאס איז די לימוד וואס מען לערנט ארויס פון די פרשה פון קרח, אז טראץ וואס די בשעת'ן טוען די פעולת מעשה בפועל ממש איז עס נישט געווען אויסגעהאלטן מיט די ריינסטע כוונות, פונדעסטוועגן וויבאלד עס איז געווען אריינגעמישט א מחשבה טובה צו טון רצון ה', האט זייער מעשה אראפגעברענגט אלוקות אויפן וועלט, און זייערע פעילת הידים איז געווען הייליג, און עס איז געווען חשוב און טייער פארן אויבערשטער צו מאכן דערפון א ציפוי למזבח.

און דאס איז מיט יעדע מענטש וואס איז מקיים סיי וועלכע מצוה, אויב וויל ער דערמיט טון די רצון ה', ער וויל ווערן נאנט מיטן אויבערשטער דורך זיין מעשה המצוה, אפילו אויב עס דא א חסרון אין די שלימות המעשה, פארמאגט דאס א מורא'דיגע חשיבות ביים אויבערשטן.

## זכרו תורת משה

און כדי צו קענען צוקומען צו די מורא'דיגע עבודה, פון מעשה המצוה בפעול ממש, און קענען פועל'ן און נתעורר ווערן דורך די מעשים וואס מען טוט, דארף דאס צוגיין מיט א עבודה פון 'זכרו תורת משה', דאס הייסט דינען דער אויבערשטער דורכדעם וואס מען איז מתקשר צו תורת משה רבינו.

דאס לערנט מען ארויס פון די אויבנדערמאנטע הייליגע ווערטער פונעם רמב"ן, אז דורכדעם וואס מען איז זיך מדבק און מקשר צו תורת משה רבינו, קען מען זוכה זיין צוצוקומען צו דינען דער אויבערשטער במעשה, און ארויסברענגן די מחשבות מכח אל הפועל, און אנקומען צו א שלימות.

ווייל פון דער רמב"ן זעט מען אז די עצם זאך אז משה רבינו האט זיי געהייסן צו ברענגן די מחתות דאס אליינס האט מקדש געווען די מחתות, און געברענגט א קדושה עולמית, אפילו אויב זייער מעשה איז

נישט געווען ריכטיג, אבער אויב איז דאס געווען על פי משה רבינו איז דאס געווארן הייליג.

משה רבינו איז אנגעקומען צו גאר א גרויסע מדריגה סיי אין הנהגת המחשבה און סיי אין הנהגת המעשה, זייענדיג דבוק און מקושר במחשבתו של הקב"ה מיט א שלימות, און ממילא איז אויך זיין דעת געווען בשלימות.

אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[טז], עס איז געווען דריי זאכן וואס משה רבינו האט געטון אנדעם וואס דער אויבערשטער האט אים קלאר באפוילן, און דער אויבערשטער האט מסכים געווען דערצו, איינע פון די זאכן זאגן חז"ל, אז ער האט זיך אפגעשיידט פון זיין פרוי, און דער אויבערשטער האט צוגעשטימט אז ער האט ריכטיג געטון, זאגנדיג **וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד עִמָּדִי וַאֲדַבְּרָה אֵלֶיךָ.** (דברים ה, כח)

די סיבה דערצו איז געווען, וויבאלד משה רבינו האט געדארפט זיין גענצליך אפגעשיידט פון די וועלט, און זיין דבוק ומקושר אין באשעפער יעדע רגע, משה רבינו האט געדארפט זיין מופשט פון סיי וועלכע זאך פונעם עולם הזה, און זיין גרייט צו שטיין נעבן דעם אויבערשטן און הערן די דבר ה', וואס קען זיך אנטפלעקן צום אים סיי ווען.

טראץ וואס איינע פון די יסודות החסידות איז אז א מענטש האט א כח זיך אפצושיידן פון זיין יעצטיגע מצב, און פון די סעקונדע און ווייטער אנפאנגן א פרישע עבודה און דינען דער אויבערשטער, און א סעקונדע פריער האט נישט קיין שייכות מיט די יעצטיגע סעקונדע, און דאס איז דער ענין פון מקוה, איידער דער מענטש האט זיך גע'טובל'ט איז ער געווען טמא, אבער די סעקונדע וואס ער האט זיך גע'טובל'ט איז ער ווי א נייער מענטש, ער איז טהור, אפילו אויב א סעקונדע צוריק איז ער געווען טמא[יז].

---

**טז.** שבת פז.

**יז.** כמו שהאריכו בזה בספרי חסידות, דכמו בטהרת המקוה בשעה שכל גופו של הטמא נכנס לתוך המים באותו רגע עלה מטומאתו והרי הוא טהור כך באותו אופן היא טהרת תשובה ברגע אחד שמקבל האדם על עצמו לשוב באמת הקב"ה מטהרו,

דאס האט אבער נישט געקענט זיין ביי משה רבינו, וואס האט געדארפט זיין דבוק און מקושר אינעם אויבערשטן יעדע סעקונדע פונעם טאג, און האט געדארפט שטיין על המשמר, און זיין גרייט צו הערן די דבר ה' אין יעדע צייט.

**"משה רבינו האט געדארפט זיין מופשט פון סיי וועלכע זאך פונעם עולם הזה, און זיין גרייט צו שטיין נעבן דעם אויבערשטן און הערן די דבר ה', וואס קען זיך אנטפלעקן צום אים סיי ווען"**

און דאס איז טאקע געווען די מורא'דיגע מדריגה פון משה רבינו, אז דער אויבערשטער האט זיך שטענדיג אנטפלעקט צו אים מיט א אויסטערלישע נאנטקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לג, יא) **וְדִבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה פָּנִים אֶל פָּנִים כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ**, עס איז געווען מיט א געוואלדיגע נאנטקייט און הערכקייט, כדבר איש אל רעהו, דעריבער האט משה רבינו געמוזט זיין מופשט און מופרש פון די וועלט.

## די קדושה פון תורת משה

און ווען מען לערנט תורת משה, באקומט מען די כח צו ווערן דבוק און מקושר צום אויבערשטן, וויבאלד תורת משה איז נצחי, און משה רבינו וואס איז געווען דער גואל ראשון, וועט אויך זיין דער גואל אחרון[יח],

---

וכמו שפירשו ז"ל את הפסוק בתהלים (קג, יב) כרחוק מזרח ממערב הרחיק ממנו פשענו, כמו שאפשר להפוך הפנים ממזרח למערב כרגע, כך הרחקת פשעינו מעלינו יכולה להיעשות בזמן קצר ביותר על ידי הרהור תשובה בליבו. וסמך לדבר מצאנו בדברי חכמים במסכת בקידושין (מט:) המקדש את האשה על מנת שאני צדיק ונמצא רשע הרי זו מקודשת, דשמא עשה תשובה, נמצא שבהרהור תשובה בעלמא נעשה החוטא לצדיק וכל עניני תעניתים וסיגופים שכתבו בספרים הק' הוא רק למרק את החטא, אבל עצם התשובה היא על ידי מחשבה בעלמא. וכן אומר הכתוב בהושע (יד, כג - כד) 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך וגו', קחו עמכם דברים' שעל ידי דיבור של אמת כבר נעשה בעל תשובה.

**יח.** כמבואר בתיקונים (מג.) אז משה רבינו איז דער גואל ראשון ואחרון, און וועט אויסלייזן כלל ישראל צוזאמען מיט משיח בן דוד און משיח בין יוסף (ראה באות

**"אפילו אויב דער מענטש אליינ'ס איז נישט אויף די שלימות המדריגה, אבער אויב לערנט ער תורת משה, וועט שוין דער אויבערשטער ארויפשטופן זיין תורה, אז ער זאל אנקומען צו הויכע מדריגות"**

און יעדע איד אין כלל ישראל פארמאגט די כוחות אין זיין נשמה צו לערנען און זיך צו מקשר זיין מיט די נצחיות פון תורת משה רבינו.

די עבודה ווי אזוי מען קומט אן דערצו, איז דורך התבטלות צו תורת משה, מען לערנט תורה, און מען ווייסט און געדענקט אז דאס איז תורת ה' וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, און אפילו מען לערנט מיט חשבונות, אבער אויב שטרענגט מען זיך אן טראץ די אלע שווערעקייטן, מען טוט וויפיל מען קען, מען איז זיך משתדל און מען פראבירט עד שידו מגעת, וועט שוין דער אויבערשטער מקדש זיין די תורה וואס דער מענטש לערנט.

אפילו אויב דער מענטש אליינ'ס איז נישט אויף די שלימות המדריגה, אבער אויב לערנט ער תורת משה, וועט שוין דער אויבערשטער ארויפשטופן זיין תורה, אז ער זאל אנקומען צו הויכע מדריגות, און זוכה זיין צו מקדש זיין און מטהר זיינע מחשבות.

אזוי ווי די מחתות איז געווען קדוש בלויז ווייל משה רבינו האט געהייסן, אפילו אויב זייער מעשה איז נישט געווען רצוי פארן אויבערשטער, די זעלבע זאך איז מיט יעדע איד וואס לערנט תורת משה, ווערט עס הייליג און רצוי פארן אויבערשטער.

## אונזער עבודה

אבער ווי פארשטייט זיך אז די עבודה שטעלט זיך נישט אפ ביי דעם, עס איז אודאי דא א העכערע עבודה, אזוי ווי די עבודה ביי גרויסע צדיקים וואס זייער עבודת ה' לכתחילה איז געווען בתכלית השלימות,

---

חיים שער האותיות אות ג', ומה שמצוין שם).

זיי האבן געדינט דער אויבערשטער מיט א עבודה תמה ונקיה, מיט א ריינע כוונה נאר צו דינען דער אויבערשטער אן קיין שום פרעמדע מחשבות, ריין און לויטער בלתי לה' לבדו.

אבער אונז זענען זייער ווייט פון אזעלכע גרויסע מדריגות, אונז דארפן דינען דער אויבערשטער און טון די מערסטע וואס אונז קענען, און דער אויבערשטער איז מקדש אונזער עבודה, און ווען מען דינט אזוי דער אויבערשטער העלפט דער אויבערשטער אז מען ווערט נתעלה, און מען קומט צו און מען איז משיג העכערע מדריגות.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז אונזער עבודה זאל זיין רצוי ומקובל פארן אויבערשטער, דורכדעם וואס מען טוט וואס מען קען, און מען גלייבט אז אונזערע מעשים איז חשוב פארן באשעפער, העלפט דער אויבערשטער אז מען זאל אים קענען דינען מיט אמת, און זוכה זיין צו פארשאפן א נחת רוח פארן אויבערשטער מיט אונזער עבודה, אמן כן יהי רצון.

# פטרון המכון

## לחודשי אלול – תשרי

ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו, האברך החשוב והמפואר חוב"ט בחר"ת ולן בעומקה, ישר דרך ונעים הליכות, המעוטר בכל המעלות ובעל מידות מוזהבות ויראתו קודמת לחכמתו, חכם לב יקח מצות צדקה וחסד בכל מאדו, אומר מעט ועושה הרבה מאד, המעוטר בכל המעלות ובעל מידות תרומיות ומוזהבות אהוב על הבריות ומשובח ומפואר בפיהם לשם ולתפארת, בנש"ק פרע"ח

**דבוק בכל לב ונפש לכ"ק חמיו מרן רבינו זי"ע**
**ולא משה ידו מתחת ידו באהבה רבה במסירות נאמנה**

# הרה"ג ר' שלום מאסקאוויטש שליט"א

**חדב"נ כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק זצוק"ל זי"ע**

## שהוזיל זהב מכיסו לממן הוצאות המכון

**להוציא לאור עולם תורתו המאירים**
**של מרן זי"ע להאיר לארץ ולדרים**

יבורך מן השמים, בכפל כפלים, בשפע רב מלוא חפניים, ויזכה עוד רבות בשנים, להרבות פעלים, ולהגביר חיילים. ויהי חלקו בנעימים, בבנים ובני בנים, בתורה ובמצוות עוסקים. תענוג ורוב נחת, תורה וגדולה משולבים כאחת. ששון ושמחה ירוויח, וכל אשר יעשה יצליח